# מעלדונג פון באשלוס

## פאר איינשרייבונג אדער אפזאג פון איינשרייבונג אין דער ניו יארק סטעיט 1915(c) קינדער'ס וועיווער

ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו העלט
היים און קאמיוניטי באזירטע סערוויסעס (HCBS)

| מעלדונג דאטום | עפעקטיוו דאטום | CIN נומער |
|---|---|---|
| | | |

| | |
|---|---|
| **מיטגליד (קינד/יוגנטליכער)** | נאמען |
| | דאטום פון געבורט |
| **c/o עלטערן/גארדיען/לעגאל באפולמעכטיגטע פארשטייער, אויב בכלל** | נאמען |
| **העלט היים** | נאמען |
| | אדרעס |
| | |
| | טעלעפאן נומער |

דאס איז אייך צו לאזן וויסן אז גילטיג ______ דער אגענטור ______ האט:
דאטום — דאטום נאמען פון העלט היים

- ☐ **באשטעטיגט אייער אפליקאציע פאר היים און קאמיוניטי באזירטע סערוויסעס (Home and Community Based Services, HCBS) דורך דער בארעכטיגונג באדינגונגען פון דער 1915(c) קינדער'ס וועיווער (Children's Waiver)**
  - ☐ איר זענט געפונען געווארן בארעכטיגט פאר דער קינדער'ס וועיווער און צוטריט צו HCBS סערוויסעס קענען זיך אנהויבן
  - ☐ איר זענט געפונען געווארן בארעכטיגט פאר דער קינדער'ס וועיווער אבער, איר זענט געלייגט געווארן אויף א ווארטן ליסטע ווארטנדיג פאר אן אוועילעבל סלאט
- ☐ **אפגעזאגט אייער אפליקאציע פאר היים און קאמיוניטי באזירטע סערוויסעס (HCBS) דורך דער בארעכטיגונג באדינגונגען פון דער 1915(c) קינדער'ס וועיווער**

  **איר קומט נישט נאך די בארעכטיגונג באדינגונגען נויטיג פאר איינשרייבונג אינעם קינדער'ס וועיווער צוליב די פאלגנדע סיבה(ות):**
  - ☐ איר קומט נישט נאך דער שטאפל פון באהאנדלונג באדינגונגען פון ציל, ריזיקע און פונקציאנעל פאדערונגען נויטיג פאר איינשרייבונג אינעם וועיווער
  - ☐ איר זענט איבער 21 יאר אלט
  - ☐ איר באקומט HCBS סערוויסעס פון א צווייטער HCBS סיסטעם (צ.ב. OPWDD אדער MLTC)
  - ☐ איר זענט ערווארטעט צו פארבלייבן אין אן אינפאציענט (ד.מ. רעזידענשל באהאנדלונג פאסיליטי, נורסינג היים, שפיטאל, אדג.) אנשטאלט פאר 90 טעג אדער מער
  - ☐ עפעס אנדערש ______

דער שריט ווערט גענומען אונטער HCBS קינדער'ס וועיווער אויטאריטעט NY 4125 R05.02 און 42 CFR 441.302(c) און סאושעל סערוויסעס געזעץ 366(6), 366(7), 366(9), 366(12).

| **אונטערשריפט פון העלט היים פארטרעטער** | X |
|---|---|

**אויב איר זענט נישט איינשטימיג מיט דעם באשלוס, קענט איר פארלאנגען א זיצונג, א יושר'דיגע הירינג, אדער ביידע. ביטע ליינט די רעשט פון די מעלדונג צו זען וויאזוי צו פארלאנגען א זיצונג און\אדער א יושר'דיגע הירינג.**

## רעכט פאר א קאנפערענץ

איר קענט האבן א קאנפערענץ איבערצוגיין די שריט. אויב ווילט איר א זיצונג, זאלט איר דאס פארלאנגען די שנעלסטע וואס מעגליך. ביי דעם זיצונג, אויב מיר אנטדעקן אז מיר האבן געמאכט א נישט ריכטיגע באשלוס אדער אויב, צוליב אינפארמאציע וואס איר שטעלט צו, וועלן מיר באשטימען צו טוישן אונזער באשלוס, וועלן מיר נעמען פארעכטנדע שריט און אייך לאזן וויסן שריפטליך. איר קענט פארלאנגען א זיצונג דורך רופן די טעלעפאן נומער וואס שטייט אויף די ערשטע בלאט פון די מעלדונג אדער דורך שיקן א שריפטליכע פארלאנג צו די אדרעס וואס שטייט אויפן ערשטן בלאט פון די מעלדונג. דער נומער ווערט באנוצט בלויז צום בעטן א זיצונג. **דאס איז נישט די וועג וויאזוי איר פארלאנגט א יושר׳דיגע הירינג.** אויב איר פארלאנגט א זיצונג זענט איר נאך אלס בארעכטיגט פאר א יושר׳דיגע הירינג. איר מוזט פארלאנגען א יושר׳דיגע הירינג אינעם וועג געשילדערט אונטן.

## רעכט פאר א יושר׳דיגע הירינג

אויב איר האלט אז די אויבנדערמאנטע שריט איז אומריכטיג, קענט איר פארלאנגען א סטעיט יושר׳דיגע הירינג (fair hearing) דורך:

1) **טעלעפאן:** איר קענט רופן דער סטעיטס טאל-פרייע נומער: 800-342-3334 (ביטע פארמאגט מיט אייך דעם מעלדונג ווען איר רופט); אדער

2) **פאקס:** שיקט א קאפיע פון דעם מעלדונג צום פאקס נומער; 473-6735(518) אדער

3) **אנליין:** פילט אויס און שיקט דעם אנליין פארלאנג-בויגן אויף: http://www.otda.ny.gov/oah/forms.asp אדער;

4) **שרייבט:** שיקט אן אויסגעפילטן קאפיע פון דעם מעלדונג, צו די Fair Hearing Section, New York State Office of Temporary and Disability Assistance, P.O. Box 1930, Albany, New York 12201. ביטע האלט איין קאפיע דערפון פאר זיך.

5) **שפאצירט אריין:** ניו יארק סיטי:
אפיס פון צייטווייליגע און באגרעניצטע סערוויסעס (Office of Temporary and Disability Assistance)
אפיס פון אדמיניסטראטיווע הירינגס (Office of Administrative Hearings)
ערשטע שטאק – 14 Boerum Place
Brooklyn, New York 11201

6) **רעדן און הערן באגרעניצטע**
פארבינדט זיך מיטן ניו יארק ריליי סערוויס אויף 711 אדער 1-800-622-1220. בעט אז דער אפערעיטער זאל רופן 877-502-6155. סערוויס ביי דעם נומער וועט נאר זיין צוגעשטעלט פאר רופערס נוצנדיג TDD געצייג.

☐ איך וויל א יושר'דיגע הירינג. דער אגענטור'ס שריט איז אומריכטיג צוליב ____________________

____________________

## איר האט 60 טעג פון די דאטום פון דעם מעלדונג צו פארלאנגען א יושר׳דיגע הירינג

אויב איר פארלאנגט א יושר׳דיגע הירינג, וועט די סטעיט אייך שיקן א מעלדונג מיט אינפארמאציע איבער די צייט און פלאץ פונעם הירינג. איר האט דעם רעכט צו ווערן פארטרעטן דורך לעגאלע קאונסעל, א קרוב, א פריינט אדער אנדערע מענטש, אדער זיך אליין צו פארטרעטן. ביים הירינג, וועט אייער אדוואקאט אדער אנדערע פארטרעטער האבן די געלעגנהייט צו פארשטעלן שריפטליכע און מינדליכע באווייזן צו צייגן פארוואס די שריט האט נישט געזאלט ווערן גענומען, ווי אויך א געלעגנהייט אויסצופרעגן סיי וועלכע מענטשן וועלכע ערשיינען ביים הירינג. אויך, האט איר א רעכט צו ברענגען עדות צו רעדן פאר אייער טובה. איר זאלט אויך ברענגען צום הירינג סיי וועלכע דאקומענטן אזוי ווי דער מעלדונג, פעיסטאבס, רעסיטס, טשיילד קעיר בילס, מעדיצינישע באשטעטיגונג, בריוון, וכדומה וואס קענען זיין בייהילפיג ביים פארטרעטן אייער קעיס.

## לעגאלע הילף

אויב איר דארפט אומזיסטע לעגאלע הילף, קענט איר דאס באקומען דורכן זיך פארבינדן מיט אייער לאקאלע לעגאלע הילף סאסייעטי אדער אנדערע לעגאלע אדוואקאט גרופע. איר קענט טרעפן דעם נאנטסטן לעגאלע הילף סאסייעטי אדער אנדערע אדוואקעיט גרופע דורך קוקן אין אייער יעלאו פעידזשעס אונטער "Lawyers" אדער דורכן רופן דעם נומער וואס שטייט אויפן ערשטן בלאט פון דעם מעלדונג.

## צוטריט צו אייער פייל און קאפיעס פון דאקומענטן

כדי אייך צו העלפן זיך צוגרייטן פארן הירינג, האט איר א רעכט צו קוקן אויף אייער קעיס פייל. אויב איר רופט אונז אדער שרייבט צו אונז, וועלן מיר אייך צושטעלן אומזיסטע קאפיעס פון די דאקומענטן פון אייער פייל, וואס מיר וועלן געבן פארן הירינג באאמטער ביים יושר׳דיגע הירינג. אויך, אויב איר רופט אונז אדער שרייבט צו אונז, וועלן מיר אייך צושטעלן אומזיסטע קאפיעס פון אנדערע דאקומענטן פון אייער פייל וואס איר קענט דארפן כדי זיך צוצוגרייטן צו אייער יושר׳דיגע הירינג. אויך, אויב איר רופט אונז אדער שרייבט צו אונז, וועלן מיר אויך מאכן אוועילעבל פאר אייך אומזיסט ספעציפישע פאליסי מאטעריאלן נויטיג פאר אייך צו באשליסן אויב איר זאלט פארלאנגען א יושר'דיגע הירינג אדער זיך צוצוגרייטן פארן הירינג. פאליסי מאטעריאלן וואס קענען געמאכט ווערן אוועילעבל פאר אייך רעכענען אריין דאקומענטן אזויווי: אדמיניסטראטיווע דירעקטיוו, אלגעמיינע אינפארמאציע סיסטעם מעסעדזשעס, אינפארמאציע בריוון, טיילן פון דער Medicaid רעפערענץ גייד, דעפארטמענט און העלט Medicaid אפדעיט צייטונגען און לאקאלע קאמישאנער מעמאראנדומס. צו בעטן דאקומענטן אדער אויסגעפינען ווי אזוי צו זען אייער פייל, רופט אונז אויפן רעקארד צוטריט טעלעפאן נומער וואס שטייט אויסגערעכנט ביים אויבן פון בלאט איינס פון דעם מעלדונג אדער שרייבט צו אונז אויפן אדרעס וואס שטייט געדרוקט אויבן פון בלאט איינס פון דעם מעלדונג. אויב איר ווילט אומזיסטע קאפיעס פון ספעציפישע פאליסי מאטעריאל אדער דאקומענטן פון אייער קעיס פייל, זאלט איר דאס בעטן פון פאראויס. מען וועט דאס צושטעלן פאר אייך אינערהאלב א מעסיגע צייט פארן דאטום פונעם הירינג. דאקומענטן וועלן נאר געשיקט ווערן צו אייך דורך פאסט אויב איר בעט אויסדרוקליך אז מען זאל עס שיקן צו אייך דורך פאסט.

## אינפארמאציע

אויב איר ווילט נאך אינפארמאציע וועגן אייער קעיס, ווי אזוי צו בעטן א קאנפערענץ אדער יושר'דיגע הירינג, ווי אזוי צו זען אייער פייל, אדער ווי אזוי צו באקומען נאך קאפיעס פון דאקומענטן, רופט אונז אויפן טעלעפאן נומער וואס שטייט אויסגערעכנט ביים אויבן פון בלאט איינס פון דעם מעלדונג אדער שרייבט צו אונז אויפן אדרעס וואס שטייט געדרוקט אויבן פון בלאט איינס פון דעם מעלדונג.

| | |
|---|---|
| דרוקט נאמען: | קליענט אידענטיפיקאציע נומער (CIN): |
| אדרעס: | טעלעפאן נומער: |
| אונטערשריפט: X | דאטום: |